# דאָס

# שלום־עליכם־בוך

אויטאָביאָגראַפֿישע פֿאַרצייכענונגען פֿון שלום־
עליכם, ביאָ־ און ־ביבליאָגראַפֿישע דאָקומענטן
און מאַטעריאַלן, זיינע בריוו צו פֿאַמיליע־מיט־
גלידער, שריפֿטשטעלער און פֿריינט, ניט־גע־
דרוקטע יוגנט־שריפֿטן, ליטעראַרישער איבער־
בלייב, נאָטירטע סוזשעטן, איינפֿאַלן און ווערט־
לאַך, בילדער, פֿאַקסימילעס פֿון מאַנוסקריפּטן
און בריוו, זכרונות, כאַראַקטעריסטיקס און
מעשיות וועגן אים פֿון קרובים און פֿריינט

רעדאַקטירט און באַלויכטן מיט
מאָנאָגראַפֿישע שטודיעס, אַריינ־
פֿיר־ווערטער און באַמערקונגען
פֿון י. ד. בערקאָוויטש

פֿאַרלאַג איקוף
ניו־יאָרק

# THE SHOLEM ALEICHEM BOOK

*Edited by*

I. D. BERKOWITZ

*First edition,* 1926

*Second edition,* 1958

PRINTED IN THE U.S.A.

Prompt Printing Press, 113 Fourth Ave., New York 3, N. Y.

209

וואכן פאר זיין טויט, צו ביאליקס יובילוי, באשריבן זיין ערשטע באגעגעניש מיט ביאליקן אין א באזונ־דער ארטיקל: „מיין באקאנטשאפט מיט ח. נ. ביא־ליק", וואו עס ווערט, אגב, דערציילט די מעשה מיט די שטעקשיך, וואס ווערט באהאנדלט אינם נעקסטן בריוו.]

[זשענעווע, אן א דאטום.]

ביאליק יקירי!

אצינד, אז איר וועט זיך דערזען אויפן מאנבלאן, וועט אייך אפשר אנכאפן א חשק און איר וועט זיך פארט אראפכאפן צו „אונז" אין דער שווייץ? מיר קוקן דא ארוים אויף אייך, ווי אויף משיחן, אלע, און דער אלטער ווייסער הויכער מאנבלאן אויך. קומט, וועט איר זיך דראפען מיט אונז צוזאמען.

שלום־עליכם.

(א)

בן־עמי.

— ווער פייפט דאס דארט אונטערן מאנבלאן א תקיעה גדולה? איך וואלט געמעגט שווערן, אז סאיז ביאליק!... זיידעניו! שלום־עליכם! טוט נאר א קוק צוריק!... סאיז ער, טפו זאל דאס ווערן, ווי איך בין א איד — סאיז ביאליק! זעט נאר! וואס הערט זיך אין אדעם? זינט איך לעב!

(ב)

מנדלי מוכר־ספרים.

— מילא נו, ביאליק! ערשטנס, צוריק קוקט מען ניט — עס שטייט: אל תביט אחריך... און אגב קאן מען טאקע פאלן אויך... נישקשה, ביאליק קאן זיין אונטן. אן אומגליק, עס וועט זיין ווינצי־קער מיט א אידן אויפן מאנבלאן!

(ג)

שלום־עליכם.

— דער זיידע איז גערעכט; האט ער געזאלט קומען פריער, דער שלים־מזל!... אוי! האלט נאר גוט די שטריק! בן־עמי! סאיז גליטשיק סכנת־נפשות! אט פאל איך ווידער א מאל.

(ד)

ביאליק.

— רב מנדלי! בן־עמי! ושלום־עליכם!
אני שוחק על משבתיכם!
הנני הולך ברגלים, ומרגיש כנפים!
כי יש לי הכל, שופר ומקל,
„השלח" בצלחתי, ליובאשיצקי באמתחתי,
ומבן־אביגדור אגרת, שהיא בפירוש אומרת:
לכשירחיב את גבולו, ישלם לי את תגמולו,
כהנה וכהנה, ממצרים ועד הנה![108]...

50

צו דעמזעלבן

[פון א קאפיע]

אוי, ביאליק! ביאליק!

איר זיינט אוועקגעפארן און — ווי אין וואסער אריין. ווי אזוי שרייבט דאס ניט א מענטש א בריוול? איך האב צו אייך, זאלט איר וויסן, א געוויס. טרעפט, פון וועמען? פון אייערע שיך, פון אייערע שטעקשיך. אויף מארגן נאך אייער אפרייזע פון דער שווייץ בין איך אויפגעשטאנען, ווי אלע מאל, גאנץ פרי, און, ווי אלע מאל, אנגעבויגן זיך אונטערן בעט נאך מיינע שיך. איך טו א קוק — א פאר שיך, גאנץ אומבא־קאנטע שיך, קעסטלדיקע שטעקשיך מיט לעדערנע נעזלאך. איך באטראכט די שיך — נאך גאנץ גוטע שיך, נייע שיך! וועמענס איז דאס שיך? ערשט עס לאזט זיך אוים א מעשה: סאיז ביאליקס שיך! ווי קומט אהער ביאליקס שיך? מסתמא האט ער פארגעסן די שיך? און אפשר האט ער דאס מיר געלאזט א מתנה זיינע שיך? בקיצור, סאיז געווארן א טארעראם אין שטוב: שיך — שיך, שיך — שיך!... קודם האט זיך באוויזן טיסי און איז ארוים מיט א טענה, אז די שיך דארפן זיין אירע שיך. איר בער־קאוויטש איז מיט ביאליקן גאר איינס, קומט איר די שיך. איז ארוים די צווייטע מיינע, ליאלי, די וואס שטודירט אויף דאקטאר־מעדיצין: די שיך דארפן זיין על־פי יושר, זאגט זי, אירע שיך. וואס איז די מעשה? אזוי. זי האט ניט קיין שטעקשיך. זי האט שוין, זאגט זי, לאנג חשק קויפן שיך. זאגט עמא, די דריטע הייסט עס, אז די שיך מעגן זיין אירע שיך, ווארים זי האט אודאי ניט קיין שיך! טענהט די קלענערע, מארוסי, אז איר נשמה איז אויך ניט פון קלאטשע, די שיך זיינען גוט אויף איר אויך. דערהערט נומטשיק, אז מע רעדט פון שיך, וויל ער גאר ניט וויסן, וואס פאר שיך, און צעשרייט זיך: מאמע, איך וויל שיך! פונם געפילדער כאפט זיך אויף מישא און מאכט א פאגראם; די שיך, זאגט ער, זיינען זיינע שיך, ווארים ביאליק איז ניט געשלאפן מיט קיינעם, נאר מיט אים, געהערן אים די שיך „על־פי סאוועסט". דערווייל קומט־אן בן־עמי מיט זיין טאכטער סארע און ווערט

[108] רב מענדעלי, בן־עמי און שלום־עליכם! איך לאך פון אייער באבע! איך גיי מיט פיס, און שפיר פליגלען! ווארים איך האב אלצדינג, א שופר מיט א שטעקן, דעם „השלוח" אין מיין טאש, ליובאשיצקין [א העברייאישן פאעט] אין מיין זאק, און פון בן־אביגדורן א בריוול, וואס זאגט בפירוש: אז גאט וועט העלפן, וועט ער באצאלן וואס מיר קומט, כפל־כפלים, פון דאנען ביז מצרים!...

געוואָר פון די שיך, — זאָגט ער, אַז די שיך קומען אים, ווארים ווען ניט דער אינצידענט מיט ראש־השנה [109], וואָלט דאָך ביאַליק פאַרפאָרן געוויס צו א י ם און וואָלט איבערגעלאָזט די שיך געוויס ביי א י ם. נאַטירלאַך, פּאָטאַקעוועט אים סאַרע און וואַרפט מיט אויגן אויף די שיך; פאַלן מיכה מיט תמרען [110] אויף אַ פשרה און זאָגן: ווייסט איר וואָס? לאָז זיין מיר אַ שוך און תמרען אַ שוך. בקיצור, מיר זיינען געגאַנגען צום זיידן פרעגן אַ שאלה וועגן די שיך, וועמען עס זאָלן געהערן די שיך? אויס־געהערט די טענות פון די שיך מיט צוגעמאַכטע אויגן און מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּן, פסקעט דער זיידע רבֿ מענדעלי: אַזוי ווי די שיך זיינען פאַרגעסענע שיך, הפקר הייסט עס, און אַזוי ווי אַלע ווילן די שיך, זאָל מען די שיך בעסער אַריבערטראָגן צו אים, צום זיידן הייסט עס, און דאָרט. זאָלן די שיך שטיין עד שיבוא אליהו. פונם פסק־דין איז געווען צופרידן נאָר איין בן־עמי: ער האָט זיך דערמאָנט אינם פסוק „ניט מיר, ניט דיר"... נאָר איך בין ניט צופרידן, און דערווייל שטייען די שיך ביי מיר. איך רעכן, אם ירצה השם, איינגיכן אייך אַריבערפעקלען קיין אָדעס די שיך, געוויינטלאַך, ניט ביידע שיך מיט אַ מאָל; איין שוך וועל איך אייך אָפּשיקן תיכף נאָך סוכות און דעם אַנדערן שוך וועל איך צושיקן אויף פסח, וועט איר שוין האָבן ביידע שיך. — און מחמת איר קערט אוודאי ביינקען נאָך די שיך, האָב איך געלאָזט פאָטאָגראַפירן ביידע שיך, און איך שיק אייך דאָ אַ בילד פון אייערע שיך מיט אַ פריינטלאַכן גערוס פון אונז אַלע און פון אייערע שיך, וואָס געפינען זיך לעת־עתה ביי מיר אויף די פיס, מחמת איך האָב טאַקע ניט קיין שיך, אַחוץ אייערע שיך, און אַ דאַנק אייך פאַר די שיך, תמיד, אַלע זומער זאָלט איר קומען צו אונז מיט נייע שיך און זאָלט אונז איבערלאָזן אַ פאָר שיך, ווארים איך בין דערגאַנגען אַ פּראַקטיקע, אַז סאיז בעסער מיט שיך ווי אָן שיך, ובפרט נאָך אַזעלכע שיינע שיך, ווי אייערע שיך, וואָס זיינען צווישן שיך די בעסטע שיך.

ש ל ו ם - ע ל י כ ם.

מחרת יום־הכפורים תרס"ח.

## 51

## צו מרדכי ספעקטאָר

[פונם אָריגינאַל]

[פון דעם בריוו איז צו זען, ווי אַזוי געוויסע פאַר־לעגער האָבן עקספּלואַטירט שלום־עליכמס אַרבעט אויפן שענדלאַכסטן אופן. עס רעדט זיך דאָ וועגן דעם „מבול", וואָס האָט זיך געדרוקט אין „אונזער לעבן" און ש. ע. האָט פאַר אים באַקומען האָנאָראַר סך־הכל 150 רובל. נאָר דאָס איז נאָך געווען קאַרג — האָבן די אַרויסגעבער פון דערזעלבער צייטונג בשתיקה געלאָזט מאַטריצן פון דעם ראָמאַן און געדרוקט אים באַזונדער העפטנווייז, פאַרקויפט אין די צענדליקער טויזנטער עקזעמפּלאַרן און געמאַכט דערפון אַ פאַ־מעגן. ש. ע. האָט זיך וועגן דעם דערוואוסט לאחר המעשה, און זיינע פּראָטעסטן האָבן שוין ניט געקאָנט העלפן. ער האָט געהאַט טענות צו ספעקטאָרן, וועלכער איז געווען איינער פון די שותפים און רעדאַקטאָר פון „אונזער לעבן", למאי ער האָט אים דערפון גאָר־נישט ניט געשריבן. עס האָט זיך אָבער שפּעטער אַרויסגעוויזן, אַז ספעקטאָר האָט געהאַט מיט די בעלי־בתים פון דער צייטונג זיינע אייגענע סכסוכים. — עס דאַרף דאָ באַמערקט ווערן, אַז אין דער צייט, וואָס די אַרויסגעבער פון „אונזער לעבן" זיינען רייך געוואָרן פונם „מבול", איז שלום־עליכם געזעסן אין בערלין אינגאַנצן אָן מיטלען און זיין פאַמיליע אין דער שווייץ האָט דורכגעלעבט טעג פון ביטערער נויט.]

בערלין, 23־טן יאַנואַר, 1908.

ברודער!

אַלזאָ, דו שווייגסט.

— — — . דערווייל, אַזוי ווי איך וואַרט נאָך אויף דיין ענטפער, טייל איך דיר מיט, אַז איך האָב באַקומען אַ בריוו פון „זיי" [111]. ערשטנס, שרייבן זיי מיר, אַז אַלץ, וואָס מע האָט מיר דאָ דערציילט וועגן „מבול", איז שקר וכזב! און מיניה־וביה קומט מיר אָן פון דער רעדאַקציע אַ פּעקל מיט צוועלף ביכלאַך צו 5 קאָפּ. אַ שטיק. צווייטנס, שרייבן זיי מיר, אַז די מאַטריצן מיט די ביכלאַך וועלן זיי איבערגעבן לויט מיין באַפויל, נאָר זיי פאָדערן געלט, דען זיי האָבן אַ ס ך ג ע ל ט אַריינגעלייגט אין די סעפּאַראַט־ביכלאַך (!). דריטנס, לייגן זיי מיר בעסער פאָר אַ גאַנצע סומע געלט פאַר מיין „ג ו ט פ ר י י נ ט ש אַ פ ט", און לאָז דאָס בלייבן פּאָ־סטאַראָמו, ד. ה. איך זאָל זיי שרייבן אַלע טאָג אַ פעליעטאָנטשיקל און זיי זאָלן זיך דרוקן ביכלאַך, פאַרקויפן [112] מאַטריצן, פּלאַטן, א. אַ. וו., א. אַ. וו., אויף דור דורות! אַנו, טרעף, וואָס פאַר אַ סומע געלט זיי לייגן מיר פאָר (און דאָס זאָל שוין זיין ביז 1 יאַנואַר 1909)? נאָך גאַנצע צוויי הונדער־טער!!!!! איך האָב נאָך ניט געענטפערט גאָרניט. איך וואַרט אויף דיין בריוו.

ברודער! איך האָב צוויי וועגן צו זיי: ביידע זיינען פאַר דיר ניט גינסטיק.

1) איך זאָל קומען קיין וואַרשע. דאַן בין איך ניט מקנא ניט זיי, ניט דיר, דען דו וועסט דאָך מוזן נאָכשלעפּן זיך מיט זיי. דו וועסט דאָך מוזן זיין אָדער ז י י ע ר ע ר, אָדער מ י י נ ע ר. וועסטו זיין זייערער — ביזטו דאָך אַ פאָדלעץ קעגן ד י י ן שלום־עליכמען, וואָס דו ווייסט אין דיין טיפן געוויסן, אַז

[109] ביאַליק איז אַנגעקומען אין זשענעווע אום ראש־השנה, פון וואָס דער פרומער בן־עמי איז געווען ניט־צופרידן. — [110] בן־עמיס אינגערע קינדער.

[111] געמיינט די אַרויסגעבער פון „אונזער לעבן". — [112] עס דאַרף זיין: מ אַ כ ן.